בעזרת השם יתברך

# פרק סה-סו

## • בחוקותי •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

די כוונה פון די משנה "ובטוב העולם נידון והכל לפי רוב המעשה". - די כוונה פון "צדיק ורע לו" און "רשע וטוב לו". - ווי ווייט מ'דאַרף זיין נזהר אין כבוד פון תלמידי חכמים. - לימוד התורה איז די חשוב'סטע אומנות אויף דער וועלט. - די שענדליכקייט פון מדת הגאוה, און די שיינקייט פון מדת הענוה. - אַ ספּעציעלע תפילה מתפלל צו זיין פאַר אַ רביין, און פאַר טאַטע-מאַמע. - דער טעם פאַרוואָס אַ תלמיד חכם דאַרף האָבן אַ "שמינית שבשמינית" פון גאוה.

פשט אין די גמרא "בכל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה" וכו'. - גאווה ברענגט דעם מענטש צו פאַרשעמען זיין חבר ברבים. - נישט צו חנפ'ענען און אויסנאַרן דעם חבר, און אַ מעשה דערויף פון זוהר. - די מעלה פון דעם מענטש וואָס פאָלגט די חכמים און זייער מוסר, ווייל די צדיקים וועלן אים אַרויסציען פון גיהנום. - די שטראָף פון דעם מענטש וואָס לאַכט אפּ פון די רייד פון די חכמים. - וואָס צו זאָגן בשעת מען טוט תשובה.

# אוצר של בטחון — מצות הבטחון

**העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל - הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות** כמ"ש (סוטה יא:), **בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה** (קב הישר פ' פ"ב) **וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל** (משלי לא, ל).

**בזכות הבטחון נגאלו ישראל ממצרים**, שכן כתיב (תהלים כב, ה) "בך בטחו אבותינו, בטחו ותפלטמו, אליך זעקו ונמלטו, בך בטחו ולא בושו", ואמרו במדרש "אליך זעקו" כמה דאמר (ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו", "ולא בושו" כמה דאמר (בשלח יד, ל) "ויושע ה' ביום ההוא את ישראל מיד מצרים, וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים", וכל כך למה "בך בטחו ולא בושו", **הכל בזכות הבטחון.** (כד הקמח אות בטחון).

<u>**העצה הוא:** ללמוד ולומר ולהכנים בלבו כל יום פסוקי ועניני בטחון בה' שהוא מצווה תמידית בכל רגע, כמ"ש "בטחו בו בכל עת" ועל ידי שנכנים בלבנו בטחון ואמונה בה', עי"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (עיין חובת הלבבות, שבט מוסר, קב הישר). ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אמן.</u>

1) מכתם לדוד שמרני א-ל כי חסיתי בך (שם טז, א).
2) הפלה חסדיך מושיע חוסים ממתקוממים בימינך (שם יז, ב).
3) קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה' (שם כז).
4) אלו-הי בך בטחתי אל אבושה אל יעלצו אובי לי (שם כה, ב').
5) שמרה נפשי והצילני אל אבוש כי חסיתי בך, תֹּם וישר יצרוני כי קויתיך (כה).
6) אם תחנה עלי מחנה לא ירא לבי אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח ( כז).
7) ה' עזי ומגני בו בטח לבי ונעזרתי ויעלוז לבי ומשירי אהדנו (לא, כה).
8) בך ה' חסיתי אל אבושה לעולם, בצדקתך פלטני (שם לא, ב').
9) ואני עליך בטחתי ה' אמרתי אלו-הי אתה (שם לא, טו).
10) חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה' (שם לא, כה').
11) כי בו ישמח לבנו כי בשם קדשו בטחנו (שם לג, כא).
12) כי לא בקשתי אבטח וחרבי לא תושיענו (מד, ז').
13) השלך על ה' יהבך והא יכלכלך, לא יתן לעולם מוט לצדיק (נה, כג).
14) באלוקים אהלל דברו, באלוקים בטחתי לא אירא, מה יעשה אדם לי (נו, יב)
15) חנינו אלוקים חנינו כי בך חסיה נפשי, ובצל כנפיך אחסה עד יעבר הוות (נז).
16) כי היית מחסה לי, מגדל עוז מפני אויב (שם סא, ד').
17) על אלוקים ישעי וכבודי, צור עזי, מחסי באלוקים (שם סב, ח') .

# אינהאלט

## פון פרקים ס״ה - ס״ו


א. אין פרק ס״ה ווערט דערקלערט: וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: מיט גוטס ווערט די וועלט געמשפט און אַלץ ווענדט זיך לויט די איבערוואָג פון מעשים.......ה

ב. אויב אַ צדיק טוט אַן עבירה ווען די וועלט שטייט האלב מצות און האלב עבירות איז אים שלעכט, און ווען אַ רשע טוט דאַן א מצוה - איז אים גוט.......ה

ג. אויף יענער וועלט רעכנט מען די מעשים טובים וואס מען האט געטאָן און נישט די געלט וואס מען האט פארדינט.......ו

ד. אויף דער וועלט קוקט זיך נישט אום דער גביר אויפן תלמיד חכם, אבער אין דער קומענדיגער וועלטוועט ער צאפלען צו זען דעס ליכט פון תורה אבער ער וועט נישט זוכה זיין צו דעם.......ז

ה. ווי צו די וועלכע זענען מבזה תלמידי-חכמים.......ז

ו. חזקיהו המלך פלעגט קושן און האלדזן יעדן תלמיד חכם- אנטונינוס האט געזאגט צו רבינו הקדוש ״הלוואי זאל איך אויף יענער וועלט זיין דיין פיסן בענקל.......ח

ז. א קליינע מאס גיאות באשיינט דעם תלמיד חכם ווי די צווייגלעך אויפן שפיץ פון זאנגען.......ח

ח. דער וואס האלט זיך גרויס איז גלייך ווי ער דינט עבודה זרה, און די גאוה גופא, ווי א קרבן פאר דער עבודה זרה.......י

ט. זיינע ליבהאבער וועלן זיין ווי די זון און איר שטארקייט.......י

י. אין פרק ס״ו ווערט ערקלערט: וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: אין דעם זעלבן אָרט וואו מ׳געפינט די גרויסקייט פון השם יתברך, דאָרט געפינט מען אויך זיין עניוות.......יא

יא. דער וועג צו מדת ענווה.......יא

**יב.** די גאוה איז גורם גורם צו פאַרשעמען זיין חבר פאַר אַלעמען אין די אויגן ........ יב

**יג.** דער בעל גאווה קען מען נישט גלייבן ........ יב

**יד.** רבי צדוק, האָט געפאַסט פערציג יאָר אַז ירושלים זאָל נישט חרוב ווערן ........ יג

**טו.** די ערשטע דורות פלעגן היטן זייער מויל צו זאגן נאר אמת ...... יד

**טז.** דער עונש פון מענטשן וואָס רעדן שלעכטס אויף תלמידי חכמים ........ יד

**יז.** דער גרויסער עונש פון איינעם וואס שעלט און ווארפט א כלי ווען ער איז אין כעס ........ טו

**יח.** אַלע וועגן פון השם יתברך זענען פעסט געשטעלט מיט גערעכטיקייט, לויט די וועגן פון דעם מענטשן ........ טז

**יט.** ווי אזוי דער צדיק נעמט ארויס די נשמות פון גיהנום ........ טז

**כ.** אויב מען דעקט נישט צו מיט דעם טלית אופן קאפ מיט רוב פון דעם גוף איז מען נישט יוצא ........ יז

**כא.** די וואס לאכען פון די רייד פון די חכמים ווערן געשטראפט אין גיהנום מיט יסורים ערגער ווי אלע רשעים ........ יט

**כב.** דער מענטש זאל געדענקען אז די גאנצע וועלט איז הבל ........ יט

**כג.** עס איז נישט מעגלעך ער זאָל פטור ווערן פון דעם יום הדין, נאָר דורך די תורה און מצות וואס וועלן אים פאַרטיידיגן ........ יט

**כד.** ווי אזוי דער מענטש זאל קרעכצען אויף זיינע זינד ........ כ

**כה.** וואס טוט זיך אין קבר ........ כ

# פרק ס"ה

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: מיט גוטס ווערט די וועלט געמשפט און אַלץ ווענדט זיך לויט די איבערוואָג פון מעשים.**

**א. אמרו,** אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט אין מסכת אבות (פרק ג, משנה טו): "וּבְטוּב הָעוֹלָם נִדּוֹן וְהַכֹּל לְפִי רוֹב הַמַּעֲשֶׂה" - מיט גוטס ווערט די וועלט געמשפט און אַלץ ווענדט זיך לויט די איבערוואָג פון די מעשים. האָט מיין פאָטער דער גאון מפרש געווען דעם פשט דערפון, אַז מיר האָבן געלערנט אין מסכת קידושין (דף מ' עמוד ב'): "די רבנן האָבן געלערנט, שטענדיק זאָל דער מענטש זיך זען גלייך ווי ער האָט געטאָן האַלב עבירות און האַלב מצוות, טוט ער איין מצוה איז אים וואויל, ווייל ער האָט איבערגעוואויגן זיך און די גאַנצע וועלט צום גוטן. ער האָט געטאָן איין עבירה איז וויי צו אים, ווייל ער האָט איבערגעוואויגן זיך און די גאַנצע וועלט צום שלעכטן". און אַזוי שטייט אין פסוק (קהלת ט, יח): "וְחוֹטֶא אֶחָד יְאַבֵּד טוֹבָה הַרְבֵּה" - און דורך איין עבירה ווערט פאַרלוירן פיל גוטס.

**אויב אַ צדיק טוט אַן עבירה ווען די וועלט שטייט האלב מצות און האלב עבירות איז אים שלעכט, און ווען אַ רשע טוט דאַן א מצוה - איז אים גוט**

**ב. והנה,** און עס איז שווער אין דער משנה די קשיא פון משה רבינו עליו-השלום (מסכת ברכות דף ז' עמוד א'), וואָס ער, משה רבינו, האָט געפרעגט פאַר וואָס איז פאַרהאַנען אַ צדיק וואָס איז אים גוט און אַ צדיק וואָס איז אים שלעכט און אַ רשע וואָס איז אים גוט און אַ רשע וואָס איז אים שלעכט, און ווי זאָגן מיר "וּבְטוּב הָעוֹלָם נִדּוֹן" - אַז די וועלט ווערט געמשפט מיט גוטס? קומט די משנה און פאַרענטפערט די קשיא פון משה רבינו, אַז "וְהַכֹּל לְפִי רוֹב הַמַּעֲשֶׂה" -

אַז אַלץ איז לויט דער מאָס פון די מעשים. דעריבער, אפילו ווען דער מענטש איז אַ צדיק גמור און ער טוט איין עבירה ווען די וועלט איז האַלב זכאי און האַלב חייב, איז ער מכריע די וועלט צום שלעכטן. דאַן איז שלעכט דעם צדיק. און אַזוי אויך פאַרקערט, אַז דער רשע טוט איין מצוה בשעת די וועלט איז האַלב חייב און האַלב זכאי, איז ער מכריע די וועלט צום גוטן, און איז מזכה דעם רבים. דאַן איז דעם רשע גוט אויף דער וועלט. דעריבער זאָגט די משנה ״וְהַכֹּל לְפִי רוֹב הַמַּעֲשֶׂה״ - און אַלץ ווענדט זיך לויט דער איבערוואג פון די מעשים.

## אויף יענער וועלט רעכנט מען די מעשים טובים וואס מען האט געטאָן און נישט די געלט וואס מען האט פארדינט

**ג. ולי,** און מיר דאַכט זיך, אַז אויף דער וועלט ווערט דער מענטש גע׳משפט לויט וויפל געלט ער האָט פאַרדינט, ווי אונזערע חכמים זכרונם-לברכה זאָגן (עירובין דף פ״ו עמוד א׳): ״רבי האָט אָפּגעגעבן כבוד צו די רייכע לייט״, ווייל דער כבוד וואָס איז פאַראַן אין היינטיגע צייטן הענגט אַלץ אָפּ אָן עשירות. און די נאַראָנים ברענגען אַ ראי׳ פון רבי וואָס ער האָט מכבד געווען די רייכע לייט, אָבער זיי ווייסן נישט אַז רבי האָט אויך מכבד געווען די אָרעמע לייט בעלי תורה, צוליב זייערע מעשים טובים, און אויף יענער וועלט גיט מען אָפּ כבוד לויט די פון מעשים טובים וואָס דער מענטש האָט און נישט וויפל געלט ער האָט. און דאָס מיינט די משנה ״ וּבְטוֹב הָעוֹלָם נִדּוֹן״ - און מיט גוטס ווערט די וועלט גע׳משפט, ״וְהַכֹּל לְפִי רוֹב הַמַּעֲשֶׂה״ - און אַלץ ווענדט זיך לויט די איבערוואג פון די מעשים. עס מיינט, אין עולם הבא גיט מען כבוד צו תלמידי-חכמים וואָס האָבן פיל מעשים טובים.

**אויף דער וועלט קוקט זיך נישט אום דער גביר אויפן תלמיד חכם, אבער אין דער קומענדיגער וועלט וועט ער צאפלען צו זען דעס ליכט פון תורה אבער ער וועט נישט זוכה זיין צו דעם.**

**ד. ולכן,** דעריבער דארף יעדער מענטש וואָס השם יתברך האָט אים מזכה געווען מיט עשירות און ער איז אויך אַ רב אָדער אַ אנגעזענער מענטש אין שטאָט, זאָל ער זיין געווארנט נישט גרינגצושעצן, דעם כבוד פון די תלמידי-חכמים צוליב זיין עשירות, און ער זאָל שטענדיג טראַכטן אַז דער פאַך פון לערנען אנדערע איז בעסער פון אַלע פאכן אויף דער וועלט, און יעדער וואָס איז זיך מתכבד מיט דער שאַנד פון אַ צווייטן צוליב זיין כבוד וואָס ער האַלט זיך גרויס דערמיט וואָס ער איז אַ פירער, און נעמט נישט אויף מענטשן בסבר פנים יפות ,ער וועט דאַרפן דערויף אָפּגעבן אַ דין וחשבון, און דאָרטן וועלן זיי גלוסטן צו זען דאָס ליכט פון די תלמידי-חכמים און האָבן הנאה דערפון. אָבער זיי וועלן דערצו נישט זוכה זיין.

## ווי צו די וועלכע זענען מבזה תלמידי-חכמים

**ה. והנה,** אין פיל ערטער האָב איך שוין געוואָרנט, אַז זיין שטראָף איז זייער גרויס פון מבזה זיין בעלי תורה, און אין הימל רופט מען אויס ״ווי איז צו די מענטשן וואָס זענען מבזה בעלי תורה״. דעריבער זאָל דער מענטש אָפּגעבן כבוד צו תלמידי-חכמים, ווייל השם יתברך וויל אַז זיי זאָלן באַקומען כבוד, און אפילו ווען דו זיצט צווישן גרויסע לייט, זאָלסטו ביי זיך טראַכטן אַז תלמידי-חכמים זענען חשוב׳ער פון דיר.

## חזקיהו המלך פלעגט קושן און האלדזן יעדן תלמיד חכם- אנטונינוס האט געזאגט צו רבינו הקדוש ״הלוואי זאל איך אויף יענער וועלט זיין דיין פיסן בענקל״

**ו. וכמו,** ווי עס שטייט (כתובות דף ק״ג עמוד ב׳, מכות דף כ״ד עמוד א׳) ביי יחזקיהו מלך יהודה עליו-השלום אַז ווען תלמידי-חכמים פלעגן קומען צו אים, פלעגט ער אויפשטיין פון זיין שטול און זיי אַנטקעגן גיין און פלעגט קושן און האַלדזן יעדן תלמיד-חכם און האָט אים געזאָגט ״דו ביסט מיין רבי, דו ביסט מיין פאָטער, דו ביסט אַ פאַרטיידיקער פון די אידן״. און אַזוי האָט אויך אַנטונינוס געזאָגט צו רבינו הקדוש (עבודה זרה דף י׳ עמוד ב׳) ״הלוואי זאָל איך אויף יענער וועלט זיין דיין פיסן בענקל״, און דער וואָס פירט זיין הערשאפט מיט גאווה פון זיין כבוד, וועלן אים די ווערים עסן און זיין כבוד וועט געענדערט ווערן ביז צו דער ערד, און דער עיקר איז, דער מענטש זאל געוואָרנט זיין אינעם כבוד פון זיין רבי״ן פונקט ווי אינעם דעם כבוד פון זיין פאָטער און מוטער. און ער דאַרף מתפלל זיין פאַר זיין רבי״ן און פאַר זיין פאָטער און מוטער, און אַזוי זאָל ער זאָגן ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יְהֵא רַעֲוָא מִן קֳדָמָךְ, שֶׁתִּתֵּן חַיֵּי אֲרִיכֵי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי וְסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא לְאָבִי מוֹרִי וְאִמִּי מוֹרָתִי וּלְרַבּוֹתַי וּלְכָל בְּנֵי מִשְׁפַּחְתִּי לַאֲרִיכוּת יָמִים. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וגו׳״ - רבונו של עולם, עס זאָל זיין דיין ווילן אַז דו זאָלסט געבן לאַנג לעבן און פרנסה בריוח און הילף פון הימל צו מיין פאָטער און מוטער, און צו מיינע רביס און צו מיין גאַנצער משפחה אויף לאַנג לעבן. דעריבער דאַרף דער מענטש אַוועק וואַרפן די מדה פון גאווה און אָנהאַלטן די מדה פון ענווה.

## א קליינע מאס גיאות באשיינט דעם תלמיד חכם ווי די צווייגלעך אויפן שפיץ פון זאנגען

**ז. ואף,** און חאָטש רבי חייא האָט דאָך געזאָגט אַז אַ תלמיד-חכם מוז האָבן אן אַכט פון אן אכט פראַצענט גאווה, און עס באַשיינט אים ווי די אויבערשטע בלעטלעך באַשיינען דעם זאַנג. האָב איך

געהערט דעם פירוש דערויף פון הגאון הרב מהור״ר וואָלף, דער רב פון פוזנא, אַז ער האָט געזאָגט אַז רבי חייא מיינט דערמיט אַז אַ תלמיד-חכם מוז דוקא זיין אַ עניו, און דעריבער זאָגט ער דאָס לשון ״שמינית שבשמינית״ - אן אַכט פון אן אכט פראצענט און זאָגט נישט אַ פיר און זעכציקסטע חלק. וויסן זאָלסטו אַז פון די פסוקים ״וַיִּסַּע״, ״וַיָּבֹא״, ״וַיֵּט״, גייען אַרויס צוויי און זיבעציג שמות און זיי זענען אויסגעשטעלט אין אַכט שורות און אין יעדער שורה אַכט שמות, ווי אינעווייניק שטייט, און אין דער אַכטער שורה איז פאַראַן אַ שם פון די אַכט שמות וואָס הייסט ״עָנָו״, דער שֵׁם ווייזט אַז מען דאַרף זיין אַ עניו.

❖ ❖ ❖

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| וה״ו | יל״י | סי״ט | על״ם | מה״ש | לל״ה | אכ״א | כה״ת |
| הז״י | אל״ד | לא״ו | הה״ע | יז״ל | מב״ה | הר״י | הק״ם |
| לא״ו | כל״י | לו״ו | פה״ל | נל״ך | יי״י | מל״ה | הה״ו |
| נת״ה | הא״א | יר״ת | שא״ה | רי״י | או״ם | לכ״ב | וש״ר |
| יח״ו | לה״ח | כו״ק | מנ״ד | אנ״י | הע״ם | רה״ע | יי״ז |
| הה״ה | מי״כ | וו״ל | יל״ה | סא״ל | ער״י | עש״ל | מי״ה |
| וה״ו | דנ״י | הח״ש | עמ״ם | ננ״א | ני״ת | מב״ה | פו״י |
| נמ״ם | יי״ל | הר״ח | מצ״ר | ומ״ב | יה״ה | ענ״ו | מח״י |
| דמ״ב | מנ״ק | אי״ע | חב״ו | רא״ה | יב״מ | הי״י | מו״ם |

### דער וואס האלט זיך גרויס איז גלייך ווי ער דינט עבודה זרה, און די גאוה גופא, ווי א קרבן פאר דער עבודה זרה

**ח. והנה,** לויט מיין דעה איז דאָס וואָס רבי חייא זאָגט נאָר מיט אַ רמז אַז דער תלמיד-חכם זאָל זיין אַ עניו און נישט בפירוש, איז מרמז צו זיין אַז דער תלמיד-חכם דאַרף פאָרט ווייזן אַ ביסל גדלות, און דעריבער זאָגט רבי נחמן "איך וויל אפילו גאָר ווייניג גאוה אויך נישט האָבן", און דער טעם ווייסט מען דאָך שוין, ווייל דער וואס האַלט זיך גרויס איז גלייך ווי ער דינט עבודה-זרה, און די גאוה איז ווי א קרבן פאר דער עבודה זרה ווי מיר וועלן ווייטער שרייבן מיט דער הילף פון השם יתברך.

### זיינע ליבהאבער וועלן זיין ווי די זון און איר שטארקייט

**ט. על-כן,** דעריבער וואָרן איך, דער מענטש זאָל זיין אַ עניו, און נישט קיין פאַלשע ענוה, צו ווייזן פאַר מענטשן אַז ער איז אַ עניו. השם יתברך וועט עס פאָרשטן, און וועט משפט'ן דעם וועלכן פירט זיך נישט באמת מיט ענוה. דער וועלכער פירט זיך אָבער באמת מיט ענוה אויף אים שטייט (שופטים ה, לא): "וְאוֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ" - און זיינע ליבהאָבער וועלן זיין ווי די זון גייט אַרויס אין איר שטאַרקייט.

❖ ❖ ❖

# פרק ס״ו

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: אין דעם זעלבן אָרט וואו מ׳געפינט די גרויסקייט פון השם יתברך, דאָרט געפינט מען אויך זיין עניוות.**

**א. לפי,** לויט ווי מיר האָבן פריער געשריבן, קען מען פאַרשטיין אַ גמרא (מגילה דף ל״א עמוד א׳) וואָס רבי יוחנן זאָגט: אומעטום וואו דו געפינסט די גרויסקייט פון השם יתברך - דאָרטן וועסטו געפינען זיין עניוות, אַז השם יתברך איז אַ עניו. דער פירוש אין דעם איז אַזוי, מיר האָבן שוין פריער געשריבן אַז דער נאָמען עניו איז דער ״שמינית שבשמינית״, און דאָס איז באַוואוסט אַז דער נאָמען ווערט גערופן פון חסד, טרעפט אָן צוויי און זיבעציג, דאָס מיינט רבי יוחנן אַז אין דעם אָרט וואו דו וועסט געפינען דאָס גרויסקייט פון השם יתברך - דאָס מיינט, דער גרויסער נאָמען ״חסד״ וואָס טרעפט אָן צוויי און זיבעציק, דאָס זענען די צוויי און זיבעציק שמות - דאָרטן וועסטו געפינען מרומז צווישן די נעמען עניו צו ווייזן אַז השם יתברך איז אַ עניו.

## דער וועג צו מדת ענווה

**ב. ועיקר,** און די עניוות פון דעם מענטשן מוז זיין אַז אַלע זיינע מעשים זאָלן זיין מיט געלאַסנקייט און ער זאָל זיך אַריינטראַכטן צי האָט ער נישט פוגם געווען אין דעם כבוד פון השם יתברך, און אין כבוד פון מענטשן, און די מדה פון גאוה איז די שנעלקייט וואָס דער מענטש געוואוינט זיך צו אַלע שלעכטע זאַכן, און די דאָזיגע מדה איז גורם צו גלוסטן געלט, זאָגנדיק איך האָב פיל מעלות.

## די גאוה איז גורם צו פאַרשעמען זיין חבר פאַר אַלעמען אין די אויגן

**ג. גם,** אויך איז די גאוה גורם צו פאַרשעמען זיין חבר פאַר אַלעמען אין די אויגן, וואָרום אַ בעל גאוה איז זייער מדקדק אויף זיין כבוד און אַז איינער טשעפּעט זיין כבוד אַ האָר, ווערט ער באַלד דערצאָרנט און זיין האַרץ ברענט ווי דער פייער פון גהינום און פאַרשעמט יענעם אין דער עפנטלעכקייט, און דער וועלכער פאַרשעמט זיין חבר אין דער עפנטלעכקייט האָט נישט קיין חלק לעולם הבא.

## דער בעל גאווה קען מען נישט גלייבן

**ד. גם,** אויך איז ער גורם זיין שכל זאָל צומישט ווערן אין תורה און אין תפלה, און ווי אַזוי קענען מיר רעדן וועגן דעם חסרון פון דער מדה פון גאוה, דער פאַפּיר וועט דאָך זיין קורץ עס צו באַנעמען. די גאוה ברענגט דעם מענטשן צו רעדן רייד וואָס גנב׳נען די דעה פון מענטשן ווייל צוליב גאוה זאָגט ער צו איינעם ״צוליב דיין כבוד וועגן האָב איך אַזוי און אַזוי געטאָן, און אַזוי און אַזוי וועל איך טאָן״, און אין זיין האַרץ טראַכט ער גאָר אַנדערש, ער זאָגט עס כדי יענער זאָל אים אָפּגעבן כבוד.

**ה. ובא,** קום און זעה וואָס עס שטייט אין זוהר פרשה ויצא (דף קמ״ח עמוד א׳ - קמ״ט עמוד א׳) וועגן אמת און גלייכקייט: ״רבי יצחק איז געזעסן פאַר אַ מערה, איז דורכגעגאַנגען אַ מענטש מיט זיינע צוויי זין, האָט זיך איין זון אָנגערופן ׳דאָס שטאַרקייט פון דער זון איז פון דרום זייט און די וועלט האָט מער קיין קיום נישט נאָר אויף דעם ווינט, און דער ווינט זאָל נישט זיין וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. ווען די שבטים האָבן זיך פאַראייניקט האָבן זיי געזאָגט ׳שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד׳, דאַן האָט זיך יעקב פאַראייניקט מיט די שבטים און האָט געזאָגט ׳ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד׳ (עס מיינט, אויב דו ביסט אַ בעל נפש וועסטו פאַרשטיין, אַז די מדה פון

חסד וואָס אין איר איז כלול די מדה פון גבורה, דאָס איז די שטאַרקייט פון די זון, און אַזוי אַרום מאַכט מען זיס די שטאַרקייט פון גבורה, און דאָס איז דורך די מדה פון אמת וואָס יעקב פאַמאָגט).

**ו. אמר,** האָט רבי יצחק געזאָגט "איך וועל זיך באטייליקן מיט זיי און וועל הערן וואָס זיי זאָגן". איז ער געגאַנגען מיט זיי און און האָט געהערט פון זיי פיל סודות פון דער תורה. האָט דער מענטש געזאָגט צו רבי יצחק "גיי דיר צו דיין וועג און איך וועל גיין אין שטאָט אַריין אויף דער חתונה פון מיין זון". האָט רבי יצחק געזאָגט, איצטער איז געקומען די צייט איך זאָל מיר אַליין גיין אויף מיין וועג, ווייל ער האָט מיר בפירוש געזאָגט איך זאָל מיט אים נישט גיין און האָט מיך נישט געבעטן אויף דער חתונה.

## רבי צדוק, האָט געפאַסט פערציג יאָר אַז ירושלים זאָל נישט חרוב ווערן

**ז. אזל,** איז רבי יצחק געגאַנגען און האָט עס דערציילט פאַר רבי שמעון בן יוחאי. האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט: זיי זענען געווים גערעכט, און זיי זענען די אייניקלעך פון דעם שוואַכן רבי צדוק, און פאַרוואָס האָט מען אים גערופן דער שוואַכער רבי צדוק, ווייל ער האָט געפאַסט פערציג יאָר אַז ירושלים זאָל נישט חרוב ווערן אין זיינע טעג, און ער פלעגט מפרש געווען אויף יעדער וואָרט פון דער תורה גרויסע סודות.

**ח. ולא,** און אַ קורצער צייט אַרום, האָט ר' יצחק באַגעגנט דעם רבי צדוק מיט זיין קליינעם זון, האָט אים רבי יצחק געפרעגט וואו איז דיין אַנדערער זון, האָט רבי צדוק אים געענטפערט איך האָב אים חתונה געמאַכט, איז ער געבליבן ביי זיין ווייב. האָט רבי יצחק אים געפרעגט "פאַרוואָס האָסטו מיך נישט געבעטן אויף דער חתונה פון דיין זון", האָט ער אים געענטפערט צוליב דריי זאַכן האָב איך דיר נישט געבעטן, איינס ווייל איך קען דיך נישט, טאָמער ביסטו אַ

גרויסער תלמיד-חכם וועל איך אפשר פאַרטשעפּען דיין כבוד, צווייטנס האָב איך געטראַכט אפשר היילסטו זיך אין וועג און דו דאַרפסט שנעל אָנקומען צו דיין אָרט, דעריבער האָב איך דיר נישט געוואָלט מטריח זיין.

**ט. וטעם ג׳,** און דריטנס, דו זאָלסט נישט פאַרשעמט ווערן פאַר אונזערע מענטשן, ווייל ביי אונז איז איינגעפירט אַז אַלע וועלכע עסן אויף דער חתונה גיבן זיי אַלע מתנות צו דער חתן וכלה און טאָמער ביסטו אָרעם און האָסט נישט קיין מתנה צו געבן וועסטו בלייבן פאַרשעמט. האָט רבי יצחק אים געפרעגט, ווי הייסטו, האָט ער געענטפערט ״צדוק זוטא״ הייס איך. האָט רבי יצחק געזאָגט, אין דער צייט האָב איך געלערנט נאָך צוועלף גרויסע סודות התורה.

## די ערשטע דורות פלעגן היטן זייער מויל צו זאגן נאר אמת

**י. על-כן,** פון דער מעשה ווערט געלערנט, אַז די ערשטע דורות פלעגן מיט זייער מויל זאָגן אַזוי ווי דער אמת איז געווען אין זייער האַרץ, און ווי שטאַרק איז געלויבט דער דיבור וואָס איינער רעדט מיט יושר און מיט אמת, ווי עס שטייט אין זוהר פרשה פקודי (דף רס״ד עמוד ב): עס זענען פאַראַן משחיתים וואָס זענען אונטער דער הערשאַפט פון די ״אַף וְחֵימָה״, און זיי זענען ממונה צו הערן די רייד פון די וועלכע לאַכן אָפּ פון דער תורה אָדער פון יראה און מוסר.

## דער עונש פון מענטשן וואָס רעדן שלעכטס אויף תלמידי חכמים

**יא. וכן,** און אַזוי אויך זענען זיי אָנגעשטעלט צוהערן זיך וואָס מענטשן רעדן שלעכטס אויף תלמידי חכמים אָדער אויף פרומע לייט און מיט די רייד זענען זיי גורם אַז די שלענג מוזן אַראָפּנעמען פון זיך די אייגענע הויט, אַ זאַך וואָס טוט זיי זייער וויי, און זיי שרייען מיט אַ שטאַרקע שטימע ביז זיי דערוועקן די משחיתים וואָס שטייען אין דעם צימער פון דעם גיהנם וואָס הייסט ״בור״, און

אויך זיי נעמען אַראָפּ די אייגענע פעל פון זיך און שרייען ביז זיי דערוועקן דעם שלאַנג "סמאל" וועלכער איז ממונה איבער זיי, און זיין קשקשת ליגט פאַר אים. דאַן פליען אַרויס משחיתים און מחבלים פון זיינע קשקשים און פון זיי ווערן נתעורר שלעכטע גזירות, און דאָס אַלץ קומט דורך נישט געוואונטשענע רייד ווי אויבן דערמאַנט.

## דער גרויסער עונש פון איינעם וואס שעלט און ווארפט א כלי ווען ער איז אין כעס

**יב. וכן,** און אַזוי אויך זענען פאַראַן משחיתים וואָס ווערן אָנגערופן (איוב ג, ז) "אורְרֵי יום", און זיי זענען ממונה איבער די וואָס שעלטן זיך אַמאָל אָדער וואָס שעלט זיך מחמת כעס און זיי נעמען די קללה און זיי נעמען די קללה און דערנעענטערן עס צו דעם שלאַנג "עקלתון" די כח פון "סמאל", און דורך דעם איז דער (סמאל) מקטרג און ברענגט פיל בייזע צרות חס-וחלילה. אויך איז פאַראַנען משחיתים וואָס זענען ממונה איבער דעם איד וואָס וואַרפט אַ כלי מיט כעס, נעמען זיי די שלעכטע רייד און די כלי און ברענגען עס אויף צו זייער איינזאַמלונג און זאָגן דאָס איז דער קרבן וואָס דער דאָזיגער מענטש האָט מקריב געווען צו אונז, און רופן אויס "ווי איז צו דעם דאָזיגן מענטשן".

**יג. ראה,** קוק זיך איין און זע וואָס קומט פאָר מיט דעם מענטשן וואָס קומט פון ערד און צום סוף גייט ער צוריק צו ערד.
דער מענטש זאָל זיך אין דעם אַריינטראַכטן, וועגן זיין סוף און זיין תכלית, און דער מענטש ווייס דאָך נישט וואָס וועט ברענגען דער מאָרגן, זאל ער געוואָרנט זיין יעדער מינוט נישט צו ווערן אַריינגעכאַפּט אין פאַסקע פון יצר הרע.

## אַלע וועגן פון השם יתברך זענען פעסט געשטעלט מיט גערעכטיקייט, לויט די וועגן פון דעם מענטשן

**יד. והראיה,** און אַ ראיה דערצו פון איוב וואָס ער איז געווען אַ ירא שמים, און זיך אָפּגעקערט פון שלעכטס, פונדעסטוועגן צוליב אַ קליינע עבירה האָט דער שטן אויף אים מקטרג געווען, און ער מיט זיינע קינדער זענען איבערגעפירט געוואָרן אין האַנט פון דעם שטן, און זיין עשירות איז פון אים צוגענומען געוואָרן אין אַן אויגן-בליק, זיינע זין זענען געשטאָרבן און דערנאָך איז אויף אים געקומען יסורים, ווי עס שטייט אין ספר איוב, און צוליב זיין צער האָט ער געשאָלטן דעם טאָג וואָס ער איז געבוירן געוואָרן און האָט גערעדט קעגן השם יתברך צוליב זיינע יסורים, און דורך דעם זענען געקומען צו אים זיינע חברים און האָבן אים געשטראָפט און האָבן אים געזאָגט ער זאָל נישט טרעטן אויף די יסורים נאָר ער זאָל אַלץ אָננעמען באהבה ווייל אַלע וועגן פון השם יתברך זענען פעסט געשטעלט מיט גערעכטיקייט לויט די וועגן פון דעם מענטשן, און ווייל איוב האָט זיך צוגעהערט צו דער עצה פון זיינע חברים וועלכע האָבן אים געשטראָפט אין דעם זכות איז זיין סוף זייער גוט געווען, און השם יתברך האָט אים באַלוינט מיט פיל מער גוטס ווי דעם וואָס ער האָט פריער געהאַט, צוליב דעם וואָס ער האָט צוגעהערט צו די שטראָף רייד.

## ווי אזוי דער צדיק נעמט ארויס די נשמות פון גיהנום

**טו. והנה,** און איך וועל דיר שרייבן איין מאמר פון דעם זוהר, פרשת לך לך (זהר-חדש דף ל״א עמוד ב׳): וואָס געהערט צו דעם ענין. דער זוהר רופט דעם שר פון דעם גיהנם ״מלך סדום״ און די נשמה פון דעם צדיק רופט דער זוהר ״אברם״, און בשעת די נשמה גייט אַרויס פון דעם גוף און זי גייט איבער אויף דער טיר פון דעם גיהנם און די נשמה ווייל בעטן השם יתברך זי זאָל האָבן רשות אַרויס

צו נעמען די רשעים פון גיהנם, דעמאָלטס שטעלט זיך אַנטקעגן דער שר פון גיהנם, וואָס ווערט גערופן "מלך סדום", אַנטקעגן די נשמה פון דעם צדיק וואָס ווערט גערופן "אברם" און זאָגט אים ער זאָל נישט מתפלל זיין דערויף.

**טז. ואומר,** און דאָס מיינט דער פסוק (בראשית יד, כא): "וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ סְדוֹם אֶל אַבְרָם" - און דער קעניג פון סדום האָט געזאָגט צו אברם. עס מיינט: דער שר פון גיהנם זאָגט צו דעם צדיק, דו ביסט דאָך אַ צדיק, דו וועסט דאָך נישט זיין אין גהינם, פאַרוואָס זאָלסטו אַרויסנעמען פון גיהנם די רשעים וואָס זיי האָבן נישט צוגעהערט צו דעם קול פון זייער לערער און האָבן זיך נישט געוואָלט צוהערן צו קיין שטראָף רייד און האָבן מעיז געווען קעגן די תלמידי חכמים, דעריבער זענען די רשעים מיינע, און לאָז זיי פאַרלוירן ווערן, און די רשעים וועלכע האָבן פיל געזינדיגט און צום סוף האָבן זיי יאָ צו געהערט צו זייערע לערער און האָבן אָנגענומען שטראָף און האָבן אָנגענומען אויף זיך זייערע רייד מיט פרייד, די ווערן גערופן רכוש פון דעם צדיק, די דאָזיגע רשעים נעם דיר פון דעם גיהנום, דעריבער שטייט אין פסוק אַז דער שר פון גיהנם זאָגט צו דעם צדיק "תֵּן לִי הַנֶּפֶשׁ" - גיב מיר דעם נפש. די רשעים וואָס האָבן נישט אָנגענומען קיין שטראָף און האָבן אָפּגעלאַכט פון די רייד פון די חכמים, "וְהָרְכוּשׁ קַח לָךְ" - די נשמות וועלכע האָבן אָנגענומען די רייד פון די חכמים מיט פרייד און נישט אָפּגלאַכט ווערן אָנגערופן רכוש פון צדיקים, נעם זיי און ראַטעווע זיי פון גיהנם.

## אויב מען דעקט נישט צו דעם טלית אופן קאפ מיט רוב פונעם גוף איז מען נישט יוצא

**יז. אז,** דעמאָלטס שווערט אים די נשמה פון דעם צדיק ער זאָל נישט נעמען פון די רשעים וועלכע זענען אַ חלק פון דעם שר של גיהנם, ווייל זיי האָבן זיך נישט צוגעהערט צו די רייד פון די חכמים.

און דאָס מיינט דער פסוק "וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֶל מֶלֶךְ סְדוֹם הֲרִימוֹתִי יָדִי אֶל ה' אֵל עֶלְיוֹן" - און אברם האָט געזאָגט צום קעניג פון סדום איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט צו השם יתברך. עס מיינט: די נשמה פון דעם צדיק זאָגט צום שר פון גיהנם, איך הויב אויף מיין האַנט צו השם יתברך און שווער דיר, אַז איך זאָל נישט מתפלל זיין פאַר די רשעים וואָס האָבן אָפּגעלאַכט אויף דברי תורה, און האָבן פאַרשעמט די תלמידי חכמים. און דאָס מיינט דער פסוק "וְלֹא אֶקַּח מִכָּל אֲשֶׁר לָךְ" - און איך וועל נישט נעמען פון אַלץ וואָס באַלאַנגט צו דיר. עס מיינט: איך וועל נישט נעמען פון די רשעים וואָס געהערט צו דיר, וואָס די חכמים פלעגט פאַר זיי אויסרופן אויף דער וועלט זיי צו פאַרבעסערן און האָבן זיי אויסגערעכנט דעם שכר פון גן עדן און יענער וועלט און אויך די שטראָף פון גיהנם, און זיי האָבן נישט געוואָלט אָננעמען די רייד.

**יח. ולכן,** און דער פסוק זאָגט ווייטער: "אִם אֶקַּח מִחוּט וְעַד שְׂרוֹךְ נַעַל" - אויב איך וועל נעמען פון אַ פאָדעם ביז אַ שנורקע.

עס מיינט: דער צדיק זאָגט, חלילה איך זאָל נעמען פון די רשעים וועלכע האָבן מזלזל געווען אין מצות ציצית און זענען געגאַנגען אָן ציצית און ווען אפילו זיי גייען אין ציצית בשעת קריאת שמע און ביים דאַוונען זענען זיי דערמיט נישט יוצא[א] ווייל ער דעקט מיט דעם טלית נישט צו זיין קאָפּ מיט זיין רוב גוף און אויף די דאָזיגע וועלכע זענען נישט מדקדק אין די תפלין לייגן, אַז די רצועות זאָלן זיין שוואַרץ און זאָלן נישט זיין צונויפגעקניפּט ווייל די רצועה מוז זיין פון איין שטיקל און נישט פון צוויי שטיקלעך צונויפגעקניפּט ווייל די וועלכע האָבן דאָס אַלץ נישט אָפּגעהיט, זענען דיין חלק און אין דיין רשות, די וועל איך נישט נעמען אַזוי זאָגט די נשמה צו דעם שר של גיהנם.

---

א) זעה הוספה ביים סוף פון פרק.

## די וואס לאכען פון די רייד פון די חכמים ווערן געשטראפט אין גיהנום מיט יסורים ערגער ווי אלע רשעים

**יט. ואמר,** און רבי יהושע בן לוי האָט געזאָגט, איין מאָל בין איך געקומען נאָענט צום טויער פון גיהנם, האָב איך געהערט אַ שטימע רופט אויס: יענע רשעים וועלכע האָבן אָפּגעלאַכט אויף די ווערטער פון די חכמים און זענען געשטראָפט געוואָרן מיט יסורים ערגער פון אַלע רשעים, און איך האָב געהערט ווי זיי האָבן געשריען מיט זייער אַ ביטער קול און האָבן געשריגן, וויי וויי מיר האָבן געהערט דברי תורה און מוסר רייד און מיר האָבן עס נישט מקיים געווען, אוי וויי, די רייד פון די חכמים וואָס זיי האָבן אונז געזאָגט דעם שכר און שטראָף האָבן געהערט און האָבן נישט מקיים געווען זייערע רייד. דערווייל האָב איך עהערט אַ קול וואָס זאָגט צו מיר, דו בר לואי גיי אויף דיין וועג און איך בין געקומען דיך דערמאַנען דו זאָלסט נישט דאַוונען פאַר די כתות וואָס ווערן געשטראָפט אין גיהנם. דאָס איז וואָס עס שטייט אין זוהר.

## דער מענטש זאל געדענקען אז די גאנצע וועלט איז הבל

**כ. על-כן,** דעריבער זאָל דער מענטש עס נישט אָננעמען גרינג, און זאָל געדענקען זיין מעמד אויף דער נידעריגער וועלט וואָס איז מער נישט ווי הבל, און אַז ער איז להוט נאָך זיין פרנסה און פאַרגעסט וועגן השם יתברך, און טוט נישט וועגן אָפּגעבן צייט אויף לערנען, און אויב ער קען נישט לערנען אַליין דאַן זאָל ער קובע זיין אַ צייט ער זאָל זיך צוהערן צו די וועלכע זאָגן מוסר רייד און דורך דעם וועט ער תשובה טאָן און עס וועט אים זיין גוט.

## עס איז נישט מעגלעך ער זאָל פּטור ווערן פון יום הדין, נאָר דורך תורה און מצות וואס וועלן אים פאַרטיידיגן

**כא. ויזכור,** און ער זאָל געדענקען אַז דער סוף פון דעם מענטשן איז צום טויט, און עס איז נישט מעגלעך ער זאָל פּטור

ווערן פון דעם יום הדין, נאָר די תורה און מצות קענען אים פאַרטיידיגן, און יעדן טאָג זאָל דער מענטש זאָל זיך דער מענטש אַריינטראַכטן אין דעם באַלד ווען ער שטייט אויף פון שלאָף און באַהאַלטענערהייט זאָל ער וויינען אויף זיינע זינד מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

## ווי אזוי דער מענטש זאל קרעכצען אויף זיינע זינד

**כב. וכתבו,** און די בעלי מוסר האָבן שרייבן, אַז בשעת אַ מענטש זיפצט אויף זיינע זינד, זאָל ער זאָגן: ״מיין האַרץ מיין האַרץ וואָס איז האַרט ווי אַ שטיין און צעגייט נישט צוליב מיין ווידערשפעניגן, און אויב אפילו דו ביסט געוואָרן, צוליב מיינע פילע זינד, געוואָרן אַזוי האַרט ווי אייזן און שטיינער, פונדעסטוועגן זאָלסטו זיך פאָרט עפענען צוליב מיינע פילע זיפצן, וואָס דאָס צעברעכט בערג פון אייזן און פון שטיינער.

## וואס טוט זיך אין קבר

